אין אידיש

ערב שב"ק פרשת
במדבר
ג' סיון שנת תשפ"ה

# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק ווערטער, אין אמונה און בטחון



מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א

בית המדרש תוספות יו"ט ירושלים » 347-897-9968 \ 058-323-


בס"ד

# ווען א מענטש איינערקענט זיין אייגנארטיגקייט, הערט זיך אויף אלע מחלוקת'ן אין דער וועלט!!!

## » וואס איז די גדלות פון די 'דגלים'?!

די וואך גייען מיר לייענען די פרשה פון די דגלים, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה אִישׁ עַל דִּגְלוֹ בְאֹתֹת לְבֵית אֲבֹתָם יַחֲנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל (במדבר ב, ב). ווי דערנאך רעכענט די תורה פונקטליך אויס, א יעדע שבט אויף וועלכע זייט ער רוהט, און פונקטליך נעבן וועם ער רוהט.

**און** אין מדרש זעען מיר די גרויסע חשיבות און פנימית'דיגע ענין וואס איז געווען ביי די דגלים, אזוי ווי חז"ל הק' זאגן (במד"ר ב, ג) אז די דגלים דריקן אויס די געוואלדיגע ליבשאפט וואס דער אייבערשטער האט געהאט פאר די אידן, אזוי ווי די מדרש זאגט ווי פאלגענד: "א גרויסע ליבשאפט האט דער אייבערשטער ליעב געהאט די אידן, אז ער האט זיי געמאכט דגלים אזוי ווי די מלאכי השרת, כדי מען זאל זיי דערקענען. און ווי אזוי ווייס איך אז דאס איז א ליבשאפט צו די אידן, ווייל שלמה המלך זאגט הֱבִיאַנִי אֶל בֵּית הַיָּיִן וְדִגְלוֹ עָלַי אַהֲבָה וכו' (שהש"ר ב, ד)."

"**נאך** א פשט, 'הביאני אל בית היין', אין די צייט וואס דער אייבערשטער האט זיך אנטפלעקט אויפן בארג סיני, זענען אראפגעקומען צוויי און צוואנציג טויזענט מלאכים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק רֶכֶב אֱלֹקִים רִבֹּתַיִם אַלְפֵי שִׁנְאָן (תהלים סח, יח), און זיי זענען אלע געווען צוטיילט אויף דגלים, אזוי ווי עס שטייט דָּגוּל מֵרְבָבָה (שיר השירים ה, י)."

"**ווי** נאר די אידן האבן געזעהן אז די מלאכים זענען אויסגעשטעלט אזוי ווי דגלים, האבן זיי אנגעהויבן צו גלוסטן צו דגלים, און האבן געזאגט הלוואי זאלן מיר אויך האבן דגלים אזוי ווי זיי וכו', האט זיי דער אייבערשטער געזאגט, צו וואס האט איר געגלוסט, צו דגלים, איך שווער אז איך גיי אויספילן אייער באגער וכו', גלייך האט דער אייבערשטער מודיע געווען פאר די אידן, און געזאגט פאר משה, גיי מאך זיי דגלים אזוי ווי זיי האבן געגלוסט", עכ"ל.

**נאך** שטייט אין חז"ל (מדרש תנחומא במדבר יא) ווי פאלגענד: "אִישׁ עַל דִּגְלוֹ בְאֹתֹת (במדבר ב, ב), דאס איז וואס עס שטייט אין שיר השירים מִי זֹאת הַנִּשְׁקָפָה כְּמוֹ שָׁחַר יָפָה כַלְּבָנָה (שיר השירים ו, י), הייליג און גרויס זענען די אידן געווען מיט זייער דגלים, און אלע גוים האבן געקוקט אויף זיי און זיך געוואונדערט און געזאגט 'מי זאת הנשקפה כמו שחר'."

"**האבן** די גוים געזאגט צו זיי שׁוּבִי שׁוּבִי הַשּׁוּלַמִּית (שיר השירים ז, א), וואס הייסט 'שובי שובי השולמית', קלעבט אייך צו און קומט צו אונז, און מיר וועלן אייך מאכן פאר געוועלטיגער'ס און שרים, שׁוּבִי שׁוּבִי וְנֶחֱזֶה בָּךְ (שם) וכו', און די אידן זאגן צוריק פאר זיי, מַה תֶּחֱזוּ בַּשּׁוּלַמִּית (שם), און וועלכע גרויסקייט גיבט איר אונז, צו דען קענט איר אונז געבן כִּמְחֹלַת הַמַּחֲנָיִם (שם), דאס איז די גרויסקייט וואס מיר האבן געהאט אין די מדבר מיט די דגל מחנה יהודה, דגל מחנה ראובן, דגל מחנה אפרים, דגל מחנה דן, קען איר אונז אזוי טוהן וכו'. פון דא זעהט מען אז די דגלים זענען געווען א גרויסע כבוד, דאס איז וואס די פסוק זאגט עַל דִּגְלוֹ בְאֹתֹת (במדבר ב, ב)", עכ"ל.

**נאך** שטייט אין מדרש (שהש"ר ב, א) ווי פאלגענד: "האט כנסת ישראל געזאגט, 'הביאני' - דער אייבערשטער האט מיר אריינגעברענגט צו א גרויסע קעלער פון ווין, דאס איז די בארג סיני, און דארט האב איך געזעהן מלאך מיכאל מיט זיין פאן, מלאך גבריאל מיט זיין פאן, און מיינע אויגן האבן געזעהן די הימלישע צערמאניע'ס, און איך האב עס ליעב געהאט. אין יענע מינוט האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה, וויבאלד מיינע קינדער ווילן רוהען לויט דגלים, זאלן זיי רוהען מיט פענער, דאס איז וואס די פסוק זאגט אִישׁ עַל דִּגְלוֹ בְאֹתֹת (במדבר ב, ב)", עכ"ל.

**און** יעדער איינער וואס טראכט אביסל אריין פרעגט די קשיא ווי פון זיך אליין, און עס איז איהם א גרויסע וואונדער, וואס איז די גרויסע איבערקערעניש ארום די דגלים, וואס מיינען די דגלים אז די אידן האבן אזוי שטארק געגלוסט אויף דעם, און מיט וואס ווייזן די דגלים די ליבשאפט פון די באשעפער צו די אידישע קינדער. און בכלל פארוואס האבן זיי געגלוסט דוקא צו די דגלים פון די מלאכי השרת און נישט פון אנדער פעלקער.

**מיר** זעען אין מדרש אז דאס צוטיילן די אידן לויט די דגלים, און זייער רוהן אין די ספעציעלע זייטן, איז געווען פונקטליך אויסגערעכנט, און יעדער איינער האט געקענט וואוינען דוקא אויף יענעם פלאץ און נישט געקענט גיין צו אן אנדערע פלאץ בשום פנים ואופן, אזוי ווי מיר זעען ביי די פרשה פון די מקלל, אז ער האט געוואלט קומען וואוינען אין די שטח פון שבט דן, און משה רבינו האט איהם נישט געלאזט.

**נאך** איז משמע פון די ווערטער פון די אויבנדערמאנטע מדרש, אז די דגלים מיט דאס געבן די תורה האבן א שייכות איינע מיט די אנדערע, ווייל די מדרש דרש'ענט די ערשטע חלק פון די פסוק 'הביאני אל בית היין', אז דאס גייט ארויף אויף די בארג סיני, און די צווייטע חלק פון די פסוק 'ודגלו עלי אהבה' אז דאס זענען די דגלים. דאף מען פארשטיין וואס איז די שייכות צווישן זיי.

## » א 'פאן' ווייזט אויף אומאפהענגיקייט און אייגענארטיגקייט!!

**כדי** צו פארשטיין גוט די זאך, וועלן מיר אראפברענגען די ווערטער פונעם **רמב"ן** אין די פרשה פון די דגלים, ווי ער שרייבט ווי פאלגענד: "א יעדע פאן זאל האבן א געפארבטע טישטוך, קען איין פארב איז נישט די זעלבע ווי די אנדערע, יעדע פארב איז אזוי ווי די פארב פון די שטיין אין די חושן פון יענע שבט, אזוי ארום האט יעדער איינער דערקענט זיין פאן. אזוי זאגט רש"י."

"**און** ר' אברהם (-המזרחי\רא"ם) שרייבט, אז עס זענען געווען סימנים אויף א יעדע פאן, און די קדמונים זאגן אז אויף די פאן פון ראובן איז געווען אויסגעצירט א בילד פון א מענטש מיט דודאים, און אויף די פאן פון יהודה איז געווען א בילד פון א לייב, ווייל יעקב האט איהם צוגעגליכן צו דעם. און אויף די פאן פון אפרים איז געווען אויסגעצירט או בילד פו א אקס, אזוי ווי די פסוק זאגט בְּכוֹר שׁוֹרוֹ (דברים לג, יז), און אויף די פאן פון דן איז געווען אויסגעצירט א בילד פון אן אדלער, איהם צוצוגלייכן צו די כרובים וואס יחזקאל הנביא האט געמאכט", עכ"ל.

**זעהט** מען פון דעם, אז די פענער זענען געווען מרומז אויף די פנימית'דיגע מהות פון די שבט.

**און** די משגיח **ר' ירוחם הלוי ליבוביץ זצ"ל** פון מיר (אין זיין ספר **דעת תורה**) איז מאריך ארום דעם ענין, און ברענגט ארויס זייער שיין די טיפקייט פון די דגלים, ווי ער שרייבט ווי פאלגענד: "פשט פון דעם איז, ווייל ביי די מלאכי השרת האט א יעדער איינער א ספעציעלער תפקיד, ווייל דאס איז דאך די טייטש פון די ווארט 'מלאך' - א שליח. און א יעדע מלאך איז פאר זיך אליין, יעדער מלאך האט אן באזונדערע פאן, קיינער מישט זיך נישט אויס מיטן צווייטן, ווייל יעדער האט אן אנדערע און ספעציעלע שליחות, און איין מלאך טוהט דאך נישט קיין צוויי שליחות'ן. אזוי אויך ווען מיר נישט טרעפן צוויי מלאכים מיטן זעלבן נאמען, ווייל יעדער איינער איז אינגאנצן אפגעזונדערט פונעם צווייטן."

**און** דאס איז די טיפקייט, פון דאס לעכצן און גלוסטן פון כלל ישראל - די דגלים. כלל ישראל האבן פארשטאנען, אז אויך ביי זיי, האט א יעדער איינער זיין איגענארטיגע ספעציעלקייט, יעדער האט זיין באזונדערע תפקיד אויף דער וועלט, און ציל אויף וואס ער איז אראפ געקומען אויף דער וועלט, און וואס ער דארף דא אויפטוהן, וואס לויט דעם האט ער באקומען זיינע כוחות און נאטורן, נסיונות און אלעס ארום, כדי די אלע זאכן זאלן איהם צוברענגען און געבן די פונקטליכע מעגליכקייט אויסצופירן זיין תפקיד אויף דער וועלט."

**און** דאס איז טאקע דער ענין פון די פארשידנארטיגע צורות וואס זענען געווען אויסגעצירט אויף די דגלים, ווייל יעדע צורה ווייזט אן אויף די ספעציעלקייט און תכלית און ציל פון אט דעם שבט, און מיט דעם האט מען אנגעהאלטן זעלבסשטענדיגקייט וואס א יעדע שבט האט אויף אן אנדערן, זיי זאלן זיך נישט אויסמישן איינע מיט די אנדערע", עכ"ל פון רבינו ירוחם.

## « די 'כלל' איז אויסגעמישט פון אסאך ספעציעלע 'פרטים'!!

**כדי** דאס נאך בעסער מסביר זיין און פארשטיין, ווילן מקדים זיין און מבאר זיין אן אנדערע נקודה אין די פרשה. מיר טרעפן אין די וואכעדיגע סדרה, אז די תורה הק' האט קודם אויסגערעכנט די פונקטליכע צאל פון א יעדע איינציגע שבט, אבער נאכדעם האט די תורה נאכאמאל איבערגערעכנט די סך הכל פון א יעדעם צוזאמען. און לכאו' פארוואס האט דאס אויסגעפעלט.

**אז** מען וועט זיך מתבונן זיין אין די ברכות פון יעקב אבינו פאר די קינדער פאר ער איז נפטר געווארן, וועלן מיר זעהן אויך, אז סוף פון אלע פרטית'דיגע ברכות פאר א יעדן קינד האט ער צוזאמען געבענטשט א יעדעם צוזאמען, ווי עס שטייט אין די תורה וַיְבָרֶךְ אוֹתָם אִישׁ אֲשֶׁר כְּבִרְכָתוֹ בֵּרַךְ אֹתָם (בראשית מט, כח), און רש"י הק' טייטשט דאס, "'איש אשר כברכתו', די ברכה וואס גייט קומען אין די צוקונפט אויף יעדעם איינעם. 'ברך אותם', די תורה האט נישט געדארפט זאגן נאר מיט א לשון יחיד 'ברך אותו', פארוואס שטייט 'בירך אותם' מיט א לשון רבים, כדי צו לאזן הערן אז די אלע ספעציעלע פרטית'דיגע ברכות וואס ער האט געגעבן פאר א יעדע שבט, האט ער צום סוף יעדעם איינעם אריינגערעכנט אין זיי", עכ"ל.

**זעען** מיר אויף פון דעם, ווי אזוי פון איין זייט האט יעדער איינער באקומען זיין ספעציעלע ברכה, אבער פון די אנדערע זייט האט ער זיי אלע צוזאמען אריינגערעכנט אין די אלע ברכות. דאס אלעס קומט אונז ווייזן אויף די איבנדערמאנדטע געוואלדיגע יסוד אין עבודת השי"ת, אז א יעדע מענטש דארף איינערקענען אין זיין אייגנארטיגקייט און ספעציעלקייט וואס א צווייטער האט נישט, און אפי' אז עס איז דא א כח פון א ציבור און אחדות, מיט דעם אלעם בלייבט יעדער איינער ספעציעלעזירט און אייגנארטיג פאר זיך אליין, וואס דאס טאר מען נישט פארדעקן און פארווישן, און אדרבה, ווען א יעדער איינער ברענגט ארויס זיין אייגענע ספעציעלע כוח, דאס גיבט נאך א שטערקערע כח, צו די כח פונעם ציבור ווייל מיט דעם איז א יעדער איינער משלים דעם צווייטנ'ס חסרון.

> "...א יעדע מענטש דארף איינערקענען אין זיין אייגנארטיגקייט און ספעציעלקייט וואס א צווייטער האט נישט, און אפי' אז עס איז דא א כח פון א ציבור און אחדות, מיט דעם אלעם בלייבט יעדער איינער ספעציעלעזירט און אייגנארטיג פאר זיך אליין..."

**דאס** זעלבע טרעפן מיר אין די תורה ביי די קרבנות פון די נשיאים, אז אפי' טאקע יעדע נשיא האט געברענגט די זעלבע קרבן ווי די אנדער נשיא, מיט דעם אלעמען האט די תורה אויסגערעכנט עקסטער די קרבן פון א יעדע איינציגע נשיא, כדי ארויסצוברענגען די איבנדערמאנטע, אז א יעדע שבט און פרט, האט א ספעציעלע כח, מיט זיין ספעציעלע עבודה און כוונה, וואס די צווייטע נשיא האט נישט, און א יעדער איינער דארף זיך האלטן מיט ספעציעליטעט, און נישט פארבירן זיין דעם צווייטן.

**און** מען קען זאגן, אז דאס איז פשט פון דאס וואס עס שטייט אין **כתבי האר"י** ז"ל (שער הכוונות, דרושי עלינו לשבח ונוסח התפלה א'), "אז עס איז דא אין הימל צוועלף פענסטערס וואס זענען אקעגן די צוועלף שבטים, און א יעדע שבט גייט ארויף זיין תפלה דורך זיין ספעציעלע פענסטער, וויבאלד זייערע תפילות זענען אנדערש איינע פון די צווייטע, דעריבער דארף א יעדער איינער א אפגעזונדערטע שער. ווייל לויט די שורש נשמה און די מקור פון יעדע שבט, אזוי דארף אויף זיין די נוסח התפלה פונעם יענעם שבט. דעריבער איז ראוי אז א יעדער איינער זאל אנהאלטן די מנהגים און די נוסח פונעם דאווענען וואס זיין טאטע האט איהם אויסגעלערנט, ווייל א יעדער איינער האט זיך זיין ספעציעלע וועג און נאר אויף דעם וועג וועט זיינע תפילות ווערן אנגענומען", עכ"ד.

**מיט** דעם געדאנק האט אויך דער הייליגער **חפץ חיים זצ"ל** געענטפערט פאר איינער וואס האט איהם געפרעגט, פארוואס האט א יעדע קהילה אן אנדערע נוסח און ספעציעלע עבודה, פארוואס זאל נישט א יעדער איינער דאווענען די זעלבע נוסח און דינען דעם אייבערשטן אויפן זעלבן שניט.

**האט** ער געענטפערט, אז פונקט אזוי מען פארשטייט אז א קיסר און א גענעראל דארף האבן אסאך סארטן סאלדאטן, ער דארף א מיליטער פון די טריקעניש, א מיליטער פון די ים, א מיליטער פון די לופטן און אזוי ווייטער, און אן דעם וועט ער נישט באזוגן קיין מלחמות, אזוי אויך אין די מלחמה מיטן יצר הרע, אדער סתם עבודה ה', האט דער רבונו של עולם אסאך מיני סאלדאטן, איינער באזיגט דער יצר הרע מיט 'בקיאות' און איינער מיט 'עיון', א דריטער ספעציליזירט זיך אין עבודת התפלה און די פערטער אין יראת שמים, און אזוי ארום ספעציאליזירט זיך א יעדער איינער אין א געוויסע עבודה לויט זיין שורש נשמה, און לויט זיינע כוחות, און דאס זעלבע איז אויך מיט די נוסח התפלה.

## « פארוואס בריען זיך צדיקים אן, פון די חופה פון זיין חבר?

**די גמ'** זאגט (ב"ב עה.) "אז לעתיד לבא, וועט א יעדער איינער זיך אפבריען פון די חופה פון זיין חבר. האבן די חכמים געזאגט, די פנים פון משה איז אזוי ווי די זוהן, און די פנים פון יהושע איז אזוי ווי די לבנה, ווי איז צו די בושה ווי איז צו די פארשעמונג", עכ"ל.

**און** די מהרש"א פרעגט, פארוואס עפעס דארף א יעדער איינער זיך אפבריען פון די חופה פון זיין חבר, מילא איינער וואס עס פעלט איהם עפעס א מצוה וכדו', אבער צדיקים מיט וואס וועלן זיי זיך אפבריען פון זייער חבר. נאך פרעגט ער, פארוואס דאפעלט די גמ' מיטן זאגן 'ווי איז צו די בושה ווי איז צו די פארשעמונג'.

**ענפערט** די **מהרש"א**, אז וויבאלד א יעדע צדיק האט א געוויסע מעלה און מדרגה אין א געוויסע מצוה וואס זיין חבר האט נישט, אזוי ווי מען זעהט אין גמ' (בבא מציעא) וכו', דעריבער שטייט נישט אז ער ווערט פארשעמט פון זיין חבר, נאר ער בריעט זיך אפ, פון די מדריגה וואס זיין חבר האט און ער נישט. אבער דאס פארשעמען גייט ארויף אויף דער מענטש וואס עס פעלט איהם טאקע מצוות און מעשים טובים.

**קומט** אויס פון דעם אלעם, אז א יעדער מענטש האט זיך זיין ספעציעלע תפקיד אויף דער וועלט וואס נאר ער קען דאס אויספירן. און פונקט אזוי ווי ביי די מלאכים האט קיינער נישט קיין פיינטשאפט איינער אויפן צווייטן, נאר אזוי ווי מען זאגט ביים דאווענען 'כולם אהובים כולם ברורים, וכולם מקבלים עליהם עול מלכות שמים זה מזה ונותנים באהבה רשות זה לזה', אזוי דארף אויך צו זיין ביי אונז מענטשן, דורך דעם וואס יעדער וואס איינערקענען זיין ספעציעלקייט און תפקיד מיט וואס נאר איז באשאנקן געווארן פון הימל. און ווען מען וועט אזוי לעבן, וועט נישט זיין קיין שום מחלוקות אויף דער וועלט.

**[און** אט דער יסוד, איז א גרויסע יסוד אויך אין שלום בית בין איש לאשתו, ווייל ווען יעדער איינער פארשטייט אז דער מאן האט זיין אייגענארטיגע תפקיד און די פרוי האט איר אייגענארטיגע תפקיד, און יעדער איינער איז פארנומען נאר צו פארבעסערן זיין אייגענע תפקיד, וועט פון אזא שטוב נישט ארויס קומען קיינע פראבלעמען.]

**און** דאס איז אויך די שייכות צווישן מתן תורה אין די פרשה פון די דגלים, ווייל נאכדעם וואס כלל ישראל איז אנגעקומען צו מתן תורה אין א דרגה פון 'כאיש אחד בלב אחד', האבן זיי טאקע דעמאלטס אנגעהויבן צו גלוסטן צו די ענין פון די דגלים, וואס ווי געזאגט ברענגט דאס ארויס א געוואלדיגע ליבשאפט צווישן חברים און קלארקייט אין די תפקיד פון א יעדעם איינעם.